**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סערוויס פארבעסערונגען אויף MTA 24 באס רוטס אין ניו יארק סיטי**

***אכט עקספרעס באס רוטס און 16 לאקאלע באס רוטס וועלן אפפערן קורצערע צייטן צוווארטן און מער פארלעסליכע סערוויס***

***איוסברייטערונג פאלגט נאך א יאר פון פארמערטע סאָבוועי סערוויס אריבער די גאנצע סיסטעם און דיסקאונטס און רייץ מאסנאמען פאר באן פאסאנזשירן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די MTA וועט פארבעסערן די סערוויס אויף 24 באס רוטס אריבער ניו יארק סיטי אנהויבנדיג דעם פרילינג כדי צו העלפן פארקורצערן די דויערונג פון טעגליכע פובליק טראנספארטאציע נסיעות און צו מאכן רייזעס גרינגער פאר איינוואוינער אריבער די פינף בעראוס פון ניו יארק סיטי.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן בעסערע און שנעלערע באס סערוויס — און דאס איז גענוי וואס אונזערע אינוועסטירונגען וועלן אהערשטעלן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורכן פארבעסערן באס רוטס אריבער די דרויסנדיגע בעראוס, מאכן מיר רייזעס קורצער, פארזיכערן מער פארלעסליכע סערוויס און צושטעלן אפאָרדעבעל טראנספארטאציע אפציעס פאר מיליאנען פאסאנזשירן."

**MTA פארזיצער און CEO, Janno Lieber (דזשענאָו ליעבער), האט געזאגט,** "באסעס זענען די מאטאר וואס טרייבט גערעכטיגקייט אין אונזער סיטי, פארבינדנדיג ניו יארקער אין ארבייטער-קלאס און מיטעלע-קלאס געגנטער צו דזשאבס, עדזשוקעישן, איינקויפונג און אלעס וואס די סיטי האט צו אפפערן. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו אדרעסירן די מכה פון אנגעלייגטע טראפיק – באזונדערס די עקאנאמישע, ענווייראמענטאלע און זיכערהייט ווירקונגען דערפון – זעצט די MTA פאר צו לייגן פריאריטעט אויף סערוויס פאר אונזערע באס פאסאנזשירן."

**ניו יארק סיטי טראנזיט (New York City Transit) פרעזידענט, Demetrius Crichlow (דעמיטריוס קריקלאו), האט געזאגט,** "מיר האבן איבערגעקוקט די באס נעטווארק און מיר האבן געטראפן געלעגנהייטן צו פארבעסערן סערוויס דורכן פארמערן די אפטקייט פון באסעס און/אדער דורכן מאכן ענדערונגען צו די סקעדזשול פון יעצטיגע רוטס אויף וויכטיגע באס רוטס. די באס סערוויס פארבעסערונגען זענען דעזיינט צו צוציהען פאסאנזשירן צו פארן מיט נאך רייזע אפציעס וואס זענען אפאָרדעבעל, שנעל און באקוועם."

א ליסטע פון די באס רוטס וואס וועלן אפערירן מיט מער אפטערע באסעס אדער מיט געענדערטע סקעדזשולס וואס מאכן די סערוויס מער רעגלמעסיג איז אויסגערעכנט אונטן:

**די בראנקס**

- Bx10 (Riverdale-Norwood)
- Bx17 (Port Morris-Fordham Plaza)
- Bx23 (Co-op City-Pelham Bay Park Station)
- Bx28/Bx38 (Co-op City-Fordham Center)

**ברוקלין**

- B17 (Crown Heights-Canarsie)
- B26 (Fulton St-Ridgewood)
- B74 (Sea Gate-Stillwell Avenue Station)
- B103 (Canarsie-Downtown Brooklyn)
- BM2 (Canarsie-Avenue H-Midtown/Downtown)
- BM5 (Spring Creek-Linden Blvd-Woodhaven Blvd-Midtown)
- X27 (Bay Ridge-Midtown/Downtown)

**קווינס**

- BM5 (Spring Creek-Linden Blvd-Woodhaven Blvd-Midtown)
- Q13 (Flushing-Ft. Totten)
- Q28 (Bayside-Flushing)
- Q35 (Rockaway Park-Midwood)
- Q43 (Jamaica-Floral Park)
- Q66 (Flushing-Long Island City
- Q69 (Long Island City-Astoria)
- QM15 (Lindenwood-Cross Bay Blvd-Woodhaven Blvd-Midtown)

**סטעטן איילענד**

- S46/S96 (Castleton Avenue)
- S79 SBS (Staten Island Mall-Bay Ridge)
- SIM1C (Eltingville-Hylan Blvd-Midtown/Downtown)
- SIM4C (Huguenot-Richmond Av-Midtown/Downtown)
- SIM23 (Annadale-Arden Av-Midtown)
- SIM24 (Prince’s Bay-Huguenot Av-Midtown)

די אנאנסירונג פאלגט נאך פארמערטע סערוויס אריבער די גאנצע סאַבוועי סיסטעם וועלכע זענען אריין אין קראפט צווישן יולי פון 2023 און יולי פון 2024:

- אום יולי 2, 2023, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט פארמערט די אפטקייט פון סערוויס דורכאויס די סוף וואך אויף די G, J און M ליניעס. די פארמערטע סערוויס וועט האבן באנען אנקומענדיג יעדע אכט-ניין מינוט אנשטאט יעדע 10-11 מינוט.
- אום מאנטאג, אוגוסט 7, 2023, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט אנגעהויבן אפערירן C באנען יעדע אכט מינוט אנשטאט יעדע 10 מינוט אין וואכן טעג.
- אום שבת, אוגוסט 12, 2023, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט פארמערט סערוויס דורכאויס די סוף וואך אויף די 1 און 6 ליניעס, מיט באנען אנקומענדיג אומגעפער יעדע זעקס מינוט אנשטאט יעדע אכט מינוט.
- אום מאנטאג, אוגוסט 28, 2023, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט פארמערט סערוויס אין וואכן טעג אויף די N און R ליניעס, מיט באנען אנקומענדיג יעדע אכט מינוט אנשטאט יעדע 10 מינוט צווישן 10 אינדערפרי און 4 נאכמיטאג אויף די N און צווישן 11:30 פארמיטאג און 4 נאכמיטאג אויף די R אין וואכן טעג.

- אום דעצעמבער 17, 2023, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט פארמערט סערוויס אין די אוונט שעה'ן אויף די C, N און R ליניעס און דורכאויס די מיטאג שעה'ן אויף די G ליניע.
- אום יולי 1, 2024, האט MTA ניו יארק סיטי טראנזיט געברענגט די אפטקייט פון סערוויס צו יעדע אכט מינוט אויף די וואכן טעג מיטאג און אוונט סערוויס אויף די B, D, J און M ליניעס, און זיי האבן צוגעלייגט סערוויס אין די סוף וואך אויף די 3 און 5 ליניעס צו ברענגען באנען צו ארויספארן יעדע 10 מינוט.

די קאסטן פון די פארמערטע באס סערוויס וועט זיין 8 מיליאן דאלאר אין 2025, און דאס וועט באצאלט ווערן דורך די 'דרויסנדיגע באראו טראנספארטאציע אקאונט' (Outer Borough Transportation Account), וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך די לעגיסלאטור אין די גרייטונגען פאר טראפיק טאלס צו פארבעסערן טראנספארטאציע סערוויס אין די דרויסנדיגע באראוס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן